**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/26/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באשטימט דירעקטאר פון דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר גאן געוואלדטאט אפהאלט**

***טייל פון גאווערנער׳ס אגענדע צו אפהאלטן און רעדוצירן גאן געוואלדטאט לענגאויס ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגעמאלדן דער באשטימונג פון קאליאנא עס. טאמאס אלס דירעקטאר פון דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר גאן געוואלדטאט אפהאלט. אלס טייל פון דער גאווערנער׳ס שריטן אויף צו פארמיידן און רעדוצירן גאן שיסערייען לענגאויס ניו יארק סטעיט, וועט דער OGVP אידענטיפיצירן און צוזאמברענגען הויפט צוזאמארבעטער אין דער קאמיוניטי און געזעץ אינפארסירונג צו אידענטיפיצירן שריטן וואס קענען גענומען ווערן איינצוצוימען גאן געוואלדטאטן אין ניו יארק סטעיט. דער OGVP, פלאצירט אינערהאלב דער העלט דעפארטמענט׳ס צענטער פאר קאמיוניטי געזונטהייט, וועט צוזאמארבעטן מיט דער דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס און אנדערע סטעיט אגענטורן צו קאארדינירן באמיאונגען און צושטעלן שטיצע-מיטלען פאר עקזיסטירנדע און אויפקומענדע גאן געוואלדטאט האַט-ספאַטס. מס. טאמאס שליסט זיך איצט אן מיט דעם טיעם ברענגנדיג מיט זיך ברייטע ערפארונג אין גאן געוואלדטאט אפהאלט, באשיצן פארוואלטונג, פירערשאפט, און יוגנט אנטוויקלונג סערוויסעס.

״צו נעמען שטארקע שריטן קעגן גאן געוואלדטאט פארלאנגט זיך א מולטי-פאכיגע צוגאנג,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״קאליאנא עס. טאמאס איז אן איבערגעגעבענע פובליק באדינערין וועלכע וועט זיין א קריטיש-וויכטיגע אייגנשאפט אין אונזערע באמיאונגען צו באקעמפן דעם פובליק געזונטהייט קריזיס, באקעמפן גאן געוואלדטאט, און האלטן ניו יארקער זיכער.״

מס. טאמאס , וועלכע איז א לעבנסלאנגע הארלעם רעזידענט, האט טיפעווארצלען אין ניו יארק סיטי׳ס לעבהאפטע קאמיוניטיס; זי ווייסט אז אונטערהייבן קאמיוניטי מיינונגען איז דער בעסטער און איינציגער וועג צו מאכן האליסטישע און באווירקנדע און פאזיטיווע ענדערונגען. בעפאר זיך אנשליסן אין דער אדמיניסטראציע איז מס. טאמאס געווען דער געהילף דירעקטארין פון טעכנישע הילף מיט דער וויליאם דזשוליוס ווילסאן אינסטיטוט פאר הארלעם׳ס קינדער זאנע, וואו זי האט אנגעפירט באמיאונגען צו פארברייטערן פון-וויגעלע-ביז-קאריערע פראגראמירונג איבער׳ן לאנד. אין משך פון אירע זיבן יאר וואס זי ארבעט אינאיינעם מיט דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע וואוילזיין׳ס געוואלדטאט אפהאלט פראגראם האט מס. טאמאס קאארדינירט מיט רעגירונג אגענטורן אויף צוזאמענצוארבעטן מיט קאמיוניטי מיטגלידער, פירער און שכינות-באזירטע ארגאניזאציעס צו שטיצן גאן געוואלדטאט אפהאלט לענגאויס די פינף באראס. זי האט אנגעהויבן איר קאריערע ביי הארלעם׳ס מיניסינק טאונהאוס, פארוואלטנדיג זייער יוגנט אנטוויקלונג און צוריקקערנדע יוסטיץ פראגראמען.

מס טאמאס האט שטודירט אין דעם נאך-באקלאווראט פראגראם אין פרי-מעדיקעל וויסנשאפט ביי קאלומביע אוניווערסיטעט אין דער שטאט ניו יארק, און באקומען א BS אין פסיכאלאגיע פון דזשארדזשע סטעיט אוניווערסיטעט אין 2008.

###